גליון

# אָמֵן וָאָמֵן

בגודל מעלת עניית "אמן" ו"אמן. יהא שמיה רבא" וקדושת בית המדרש | חודש שבט תשפ"ה | גליון רי"א

## דער וואס ענטפערט "אמן" איז מבטל די גזירות אויפ'ן מענטש און באקומט דער שכר פון יעדן

זאלסט וויסן מיין באליבטע ברודער, אז אויב דו שטייסט פארן אייבערשטן און די ענטפערסט **"אמן. יהא שמיה רבא" מיט א שטארקן און הויכן קול און מיט כונה** גייט דער קול ארויף און עס ברעכט אויף שטארקע טויערן און צובריכט שלעסער און צעשטויסט מויערן אויבן אין הימל לויט'ן כח פון דיין נפש און נשמה, און מיט דעם כח איז זיך די שכינה הק' מתלבש און גיבט כח פאר די מלאכי רחמים פון די אידן ווי דער מלאך מט"ט, מלאך מיכאל דער גרויסער שר פון אידן, דער מלאך גבריאל און זייערע חברים, און זיי כאפן אוועק מיט דעם אסאך נשמות פונ'ם ס"ם **אויף וועמען עס איז ליידער נגזר געווארן געפענגעניש, צו ווערן גע'הרג'ט און בארויבט, און פון אלע פארשידענע צרות שונות ומשונות וואס זענען שוין איבערגעגעבן געווארן צום מקטרג ל"ע, און הקדוש ברוך הוא ברוב רחמיו ראטעוועט זיי פון דעם מקטרג מיט גרויסע ניסים ונפלאות צו די נשמות וואס האבן עפעס א שייכות מיט דיין פארגאנגענהייט און גולגול.**

ווייל סיי וועלכע נשמות עס האבן א שייכות מיט דיר, אפילו זיי זענען צענדליגע טויזנטע מענטשן אינ'ם דור, וואו עס איז אויסגעשמועסט אין ספר הגלגולין, און עס עס מוז דוקא נישט זיין קיין גרויסער בארימטער מענטש, נאר אפילו א פשוט'ע איד א בעל מלאכה וואס זיין נשמה שטאמט פון גאר א הויכן מקור בשורש העליון וכו'.

און אז מ'איז גורם מבטל צו זיין די גזירות און מ'ראטעוועט מענטשן פון מיתה, דארפסטו געדענקען אז זיי זענען געוואנדן אין דיר **ווייל דו האסט זיי געראטעוועט און זיי געברענגט צום לעבן און דו האסט א חלק אין אלע מידות וואס אט די מענטשן טוהן**. (שומר אמונים, ד, רנט-רס)

*

און דאס איז דער לשון פונ'ם בעל הטורים (פרשת כי תבוא) אויפ'ן פסוק **"ולתתך עליון על כל הגויים אשר עשה לתהלה ולשם ולתפארת"**, דאס איז וואס מ'זאגט אז הקב"ה וועט זיין א קרוין אויפ'ן קאפ פון יעדעם צדיק, ווייל מיטן עטרה וואס מ'באקרוינט דעם אייבערשטן מיט די אמן'ס און די תפילות, דערמיט וועט מען צוריקקרוינען די צדיקים, **אבער איינער וואס שמועסט חלילה אין בית הכנסת נעמט מען ארום זיין גאנצער גוף מיט דערנער** ר"ל, עכ"ל.

## סגולה נפלאה

ה' ילחם לכם ואתם תחרושין (שמות יד, יד)

"ה' ילחם לכם", "ילחם" איז מלשון "לחם" - ברויט, הקב"ה וועט אייך שענקען "לחם" אויב "ואתם תחרישון", איר וועט שווייגן און נישט רעדן אינמיטן דאווענען.

(אדמו"ר ר' יענקל'ע מפשעווארסק זצוק"ל, שאמר בשם צדיקים)

אפשר להשיג הגליונות היו"ל מדי חודש בחודשו
718-305-6886 | Umein.Vumein@gmail.com | www.UmeinVumein.org

לעילוי נשמת הרה"ק רבי ישראל מאיר בן הרב רבי אריה זאב זצ"ל בעל החפץ חיים
ולע"נ הרה"ק רבי משולם פייש בן רבי מרדכי זי"ע, אבד"ק טאהש - ולע"נ הרה"ק רבי חיים זאטויל בן הר"ר משה זצ"ל, האדמו"ר מריבניץ